אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ חַדֵּשׁ עָלֵינוּ שָׁנָה טוֹבָה

# שנה טובה

## אַגָּדָה לְחַגֵּי תִּשְׁרֵי

## דֶערְצֵיילוּנְגֶען אוֹיף דִי יָמִים טוֹבִים
## פוּן חוֹדֶשׁ תִּשְׁרֵי

מַעֲשִׂיּוֹת, מְשָׁלִים, מִנְהָגִים, הֲלָכוֹת, עִנְיָנִים, בַּקָּשׁוֹת, אוּן תְּפִילּוֹת

## רֹאשׁ הַשָּׁנָה, יוֹם הַכִּפּוּרִים
## סֻכּוֹת, שִׂמְחַת תּוֹרָה

מלכות וקסברגר

# שנה טובה
# אינהאלט

## שערי ראש השנה

סדר הדלקת נרות ........ 14
קידוש לליל ראש השנה ........ 18
קידוש ליום ראש השנה ........ 19
סימני ראש השנה ........ 22

## שערי יום כיפור

סדר כפרות ........ 42
ברכת הבנים ........ 46

## שערי חג הסוכות

סדר אגודת הלולב ........ 70
סדר נטילת לולב ........ 71
תפילה כשנכנסים לסוכה ........ 76
קידוש לליל חג הסוכות ........ 78
קידוש ליום חג הסוכות ........ 79
תפילה כשיוצאין מן הסוכה ........ 122

## שערי שמחת תורה

סדר ברכת התורה - כל הנערים ........ 127
קידוש לליל שמחת תורה ........ 128
קידוש ליום שמחת תורה ........ 129

ברכת המזון ........ 130
ברכת מעין שלש ........ 134
שירים ופיזמונים ........ 135

מהדורה לאידועים
מלכות וקסברגר
פאר היצירה היהודית
רח' הלפרין 18 בני ברק 03-6187226
www.birkon.co.il

Malchut Fine Judaica
3902 14th Avenue
Brooklyn NY 11218
718-854-7700
www.malchutjudaica.com

כל הזכויות שמורות לדפוס "וקסברגר", תשס"ט. וויבאלד מיר האבן אריינגעלייגט פיל געלט און כוחות אין דעם מחזור, טוען מיר אויסדריקלין פארבאטן, סיי עפ"י דין תורה און סיי להבדיל לויט די אינטערנאציאנאלע דרוקרעכט געזעצן, נאכצומאכן דעם בוך אדער א חלק דערפון, עס איבערזעצן, אריינלייגן אין א קאמפיוטער, אדער קאפירן אויף סיי וועלכן אופן, סיי וועלכן טייל. אזוי אויך איז פארבאטן זיך צו באנוצן מיט'ן אינהאלט פון דעם בוך אדער א טייל דערפון, אויף קיין שום אופן און מיט קיין שום מיטלען, סיי עלעקטראנישע און סיי מעכאנישע, סיי פאר ביזנעס און סיי נישט פאר ביזנעס, איינשליסנדיג קאפירן און רעקארדירן, אן רשות פון דעם ארויסגעבער

MALCHUT
Fine Judaica
Talis Manufacturer



אויסגעלאזט -איבערגעזעצט אויף אידיש
הקולמוס: ח. י. מ. ליבערמאן, באארבעט דורך: ז. יונגרייז




# פָּארְוָואוֹרְט

מִיט לוֹיבּ אוּן דַאנְק צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שְׁטֶעלְן מִיר אַייךְ פָּאר דֶער הֶערְלִיכֶער סֵפֶר, **"דֶער קִינְדֶער מַחֲזוֹר אוֹיף חוֹדֶשׁ תִּשְׁרֵי"**, וֶועלְכֶער אִיז אָנְגֶעפּוּלְט פוּן דֶעקְל צוּ דֶעקְל מִיט תְּפִילוֹת פַאר קִינְדֶער, בַּאלֶערְנְדֶע מַעֲשִׂיּוֹת פַאר דֶער גַאנְצֶער מִשְׁפָּחָה, אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע מְשָׁלִים, הֲלָכוֹת, אוּן פִיל נָאךְ. דֶער הֶערְלִיךְ בַּאשְׁרִיבֶּענֶער מַחֲזוֹר בַּאגְלֵייט מִיט מֵייסְטֶערהַאפְטִיגֶע בִּילְדֶער פִּירט רִיכְטִיג אוֹיס דֶעם **"זֶה קֵלִי וְאַנְוֵהוּ"** – דֶער סִימְבָּאל פוּן **"מַלְכוּת וַואקְסֶבֶּערְגֶער"**, וֶועלְכֶע וֶוערְט עֶרצֵייגְט אִין אַלֶעס וָואס וֶוערְט אַרוֹיסגֶעגֶעבְּן דוּרְךְ זֵייעֶרֶע הֶענְט.

חַזַ"ל זָאגְן אוּנְז, **"רָצָה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לְזַכּוֹת אֶת יִשְׂרָאֵל, לְפִיכָךְ הִרְבָּה לָהֶם תּוֹרָה וּמִצְוֹת"** – הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא הָאט גֶעוָואלְט מְזַכֶּה זַיין דִי אִידְן, דֶערִיבֶּער הָאט עֶר זֵיי פַארמֶערְט תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת. דֶערְפַאר וָואס מִיר זֶענֶען אַזוֹי בַּאלִיבְּט בַּיים אוֹיבֶּערְשְׁטְן, הָאט עֶר אוּנְז גֶעשֶׁענְקְט דִי יָמִים טוֹבִים – טֶעג אָנְגֶעפּוּלְט מִיט מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים, מִנְהָגִים פוּן אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן אוּן הֲלָכוֹת. דִי מִצְוֹת נֶעמֶען אוּנְז אַרוּם פִיר אוּן צְוָואנְצִיג שָׁעָה אִין טָאג, אוּן זֶענֶען מַשְׁפִּיעַ אַ דֶערהוֹיבֶּענֶעם אַטְמָאסְפֶער וֶועלְכֶע לָאזְט נִישְׁט פַארְבְּרֶענְגֶען דִי צַייט מִיט נַארִישְׁקֵייטְן.

כְּדֵי צוּ בַּאשֵׁיינֶען דִי מִצְוֹת אוּן מִנְהָגִים פוּן דִי הֵיילִיגְסְטֶע טֶעג אִין יָאר, הָאבְּן מִיר אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן דֶעם סֵפֶר וָואס לִיגְט פַאר אַייךְ, אַ זַאמְלוּנְג פוּן רַייכֶע אוּן פִילפַארְבִּיגֶע עִנְיָנִים וֶועלְכֶע נֶעמֶען אַרוּם דִי יָמִים טוֹבִים פוּן חוֹדֶשׁ תִּשְׁרֵי. יֶעדֶער חֵלֶק פוּן דִי הֵיילִיגֶע טֶעג וֶוערְט אוֹיסְפִירלִיךְ עֶרקְלֶערְט צְוִוישְׁן דִי בְּלֶעטֶער, אוּן וֶועט בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין אַייעֶר שְׁטוּבּ אַ דֶערהוֹיבְּנְקֵייט אוּן שִׂמְחַת יוֹם טוֹב.

**הֲלָכוֹת** – אַן אוֹצָר פוּן בַּאוואוּסְטֶע אוּן וִויכְטִיגֶע הֲלָכוֹת, וֶועלְכֶע דִינֶען אַוַודַאי נִישְׁט אַלְס פְּסַק הֲלָכָה, נָאר צוּ גֶעבְּן אַ בַּאגְרִיף פַאר'ן קִינְד אִיבֶּער דִי מִצְוֹת פוּן דִי הֵיילִיגֶע טֶעג, אוּן גְלַייכְצַייטִיג פַארְבְּרֵייטֶערְן זַיינֶע יְדִיעוֹת.

**תְּפִילוֹת** – דוּרְכְבְּלֶעטֶערְנְדִיג דֶעם מַחֲזוֹר, וֶועט אִיר טְרֶעפְן קוּרְצֶע, גֶעקְלִיבֶּענֶע תְּפִילוֹת, וֶועלְכֶע זֶענֶען גֶעדְרוּקְט גֶעוָוארְן מִיטְ'ן צִיל אַז אוֹיךְ יוּנְגֶערֶע קִינְדֶער, וֶועמֶענְ'ס תְּפִילוֹת זֶענֶען אַזוֹי חָשׁוּב בַּיים בַּאשֶׁעפֶער, זָאלְן קֶענֶען אַבִּיסְל דַאוֶוענֶען אוּן זִיךְ אוֹיסבֶּעטְן אִינְ'ם גֶעוַואלְדִיגְן עֵת רָצוֹן.

**מְשָׁלִים** – כְּדֵי אַרוֹיסצוּבְּרֶענְגֶען דִי בְּרֵייטֶע יְדִיעוֹת אוּן וִויכְטִיגֶע נְקוּדוֹת וֶועלְכֶע זֶענֶען צוּמָאל וַוייט פוּן אַ קִינְדְ'ס בַּאגְרִיפְן, הָאבְּן מִיר עֶס עֶרקְלֶערְט מִיט אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע, צִיעֶנְדֶע מְשָׁלִים, וֶועלְכֶע מַאכְן דִי עִנְיָנִים אוֹיסזֶען לֶעבֶּעדִיג פַארְ'ן קִינְד.

**מַעֲשִׂיּוֹת** – דִי גֶעקְלִיבֶּענֶע סִיפּוּרֵי צַדִּיקִים וֶועלְכֶע וֶוערְן גֶעשִׁילְדֶערְט אִינְ'ם מַחֲזוֹר זֶענֶען גֶענוּמֶען גֶעוָוארְן פוּן פַארלֶעסְלִיכֶע מְקוֹרוֹת, אוּן בַּארַייכֶערְן דִי הֶערְלִיכֶע מוּסָר גֶעדַאנְקֶען. וֶועלְכֶע קִינְד הָאט נִישְׁט לִיבּ אַ מַעֲשֶׂה?

אַייעֶרֶע קִינְדֶער וֶועלְן זִיצְן שָׁעוֹת לַאנְג אִיבֶּער דִי אוֹיג-פַארכַאפְּנְדֶע בִּילְדֶער וֶועלְכֶע בַּאגְלֵייטְן יֶעדְן בְּלַאט, אוּן גֶעבְּן צוּ אַ גָאר טִיפְן בַּאדֵייט צוּ יֶעדְן עִנְיָן. דִי פְּרֶעכְטִיגֶע מָאלֶערַייעֶן הֶעלְפְן אוֹיךְ פַארְוִוירְקְלִיכְן דֶעם תַּכְלִית פוּן הִידּוּר מִצְוָה, אוּן פַּאסְט פַאר אוּנְז קֶענִיגְלִיכָע קִינְדֶער.

**אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר,**
**אוּן אַ פְרֵיילִיכְן, לוּסְטִיגְן יוֹם טוֹב**

"מַלְכוּת וַואקְסֶבֶּערְגֶער"

מלכות וקסברגר

# אֱלוּל

## אֲנִי לְדוֹדִי וְדוֹדִי לִי

**חוֹדֶשׁ** אֱלוּל אִיז אַ חוֹדֶשׁ פוּן תְּשׁוּבָה אוּן הַכָנָה צוּם יוֹם הַדִין, וָואס קוּמְט פָאר רֹאשׁ הַשָׁנָה. יֶעדְן טָאג פוּן חוֹדֶשׁ אֱלוּל בְּלָאזְט מֶען מִיט אַ שׁוֹפָר, וָואס עֶרְוֶועקְט דִי הֶערְצֶער צוּ תְּשׁוּבָה.

**אִינְ'ם** חוֹדֶשׁ אֱלוּל זֶענֶען פַארְהַאן פִיל מִנְהָגִים, צְוִוישְׁן זֵיי:

**מֶען** בְּלָאזְט שׁוֹפָר נָאךְ תְּפִילַת שַׁחֲרִית, אִין אַ טֵייל קְהִילוֹת אוֹיךְ נָאךְ תְּפִילַת מַעֲרִיב. מֶען לֵייגְט צוּ דֶעם קַאפִּיטְל "לְדָוִד הַשֵׁם אוֹרִי וְיִשְׁעִי" בַּיי תְּפִילַת שַׁחֲרִית, אִין אַ טֵייל קְהִילוֹת אוֹיךְ נָאךְ תְּפִילַת מִנְחָה. מֶען זָאגְט פִּיל תְּהִלִים בְּצִיבּוּר, אוּן וֶוען מֶען שְׁרַייבְּט אַ בְּרִיוו צוּ אַ חַבֵר וִוינְטְשְׁט מֶען אִים אָן, "אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר". מֶען אִיז בּוֹדֵק דִי תְּפִילִין אוּן מְזוּזוֹת, אוּן בַּיי חֲסִידִים פִּירְט מֶען זִיךְ צוּ גֵיין נֶעמֶען אַ בְּרָכָה פוּן אַ צַדִיק. אוֹיךְ גֵייט מֶען אִין דִי טֶעג מִתְפַּלֵל זַיין אוֹיף קִבְרֵי צַדִיקִים, אוּן אִין דִי סְפַרַדִ'ישֶׁע קְהִילוֹת זָאגְט מֶען סְלִיחוֹת גַאנְץ חוֹדֶשׁ אֱלוּל.

חוֹדֶשׁ אֱלוּל אִיז אַ חוֹדֶשׁ פוּן חֶשְׁבּוֹן הַנֶפֶשׁ. דִי טֶעג אוּן חַדָשִׁים זֶענֶען שְׁנֶעל גֶעלָאפְן בִּיז אַהֶער, אוּן זַייעֶנְדִיג פַארזִינְקֶען אִין אוּנְזֶער טָאג-טֶעגְלִיכְן לֶעבְּן, הָאבְּן מִיר צוּמָאל פַארְגֶעסְן דֶעם צִיל פַארְוָואס מִיר זֶענֶען דָא. אִין פַארְלוֹיף פוּנְ'ם יָאר הָאט דֶער רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אוּנְז גֶעשָׁאנְקֶען ווּאוּנְדֶערְבַּארֶע מַתָּנוֹת: לֶעבְּן, גֶעזוּנְט, שִׂמְחָה, אוּן נַחַת. הָאבְּן מִיר אוֹיסְגֶענוּצְט דִי מַתָּנוֹת אוֹיף עֲבוֹדַת הַשֵׁם?!

אוֹיבּ נִישְׁט, ווִיאַזוֹי וֶועלְן מִיר זִיךְ שְׁטֶעלְן פַארְ'ן אוֹיבֶּערְשְׁטְן אִינְ'ם יוֹם הַדִין?! מִיט וָואס פַאר אַ פָּנִים וֶועלְן מִיר אִים אָפְּגֶעבְּן דִין וְחֶשְׁבּוֹן אוֹיף אוּנְזֶערֶע מַעֲשִׂים?!

דָאס וֶועלְן מִיר פַארְשְׁטֵיין מִיט דֶעם פָאלְגֶענְדְן מָשָׁל:

אִין אַ טָאג, הָאט דֶער מְשָׁרֵת פוּנְ'ם קֶענִיג זִיךְ בַּאוִויזְן בַּיים הוֹיז פוּן אַן עֶרְפַארֶענֶער גָאלְדְשְׁמִיד.

"דֶער קֶענִיג הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן אִיךְ זָאל דִיר אַיינְלַאדֶענֶען צוּ קוּמֶען צוּ זַיין פַּאלַאץ," הָאט דֶער מְשָׁרֵת גֶעמָאלְדְן פַארְ'ן גָאלְדְשְׁמִיד.

דֶער גָאלְדְשְׁמִיד הָאט זִיךְ בַּאלְד גֶעאַיילְט אוֹיסְצוּפִירְן דֶעם בַּאפֶעל, אוּן שְׁטֶעלְנְדִיג זִיךְ פַארְ'ן קֶענִיג, הָאט דֶער קֶענִיג אוֹיסְגֶערוּפְן, "אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַז דוּ בִּיסְט אַ פַאכְמַאן, אַן עֶקְסְפֶּערְט אוֹיפְ'ן פֶעלְד פוּן שְׁמִידֶערַיי, אוּן אִיךְ ווִיל דוּ זָאלְסְט מִיר אוֹיספָארְעמֶען אַ בֶּעכֶער. אָבֶּער גֶעדֶענְק: עֶס מוּז זַיין דֶער שֶׁענְסְטֶער בֶּעכֶער וָואס סְ'אִיז נָאר מֶעגְלִיךְ אַהֶערצוּשְׁטֶעלְן!"

דֶעם גָאלְדְשְׁמִידְ'ס אוֹיגְן הָאבְּן גֶעשַׁיינְט פוּן פְרֵייד. וָואס פַאר אַ כָּבוֹד! דֶער קֶענִיג הָאט אִים אוֹיסגֶעוֶועלְט אַהֶערצוּשְׁטֶעלְן זַיין קוּנְסְטלִיכְן בֶּעכֶער! אוּן חוּץ פוּן דֶעם, וֶועט עֶר נָאךְ פַארְדִינֶען פוּן דֶער אַרְבֶּעט אַ רִיזִיגֶער פַארְמֶעגְן!

"אִיךְ וֶועל זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אוֹיסְצוּפִירְן דֶעם פַארלַאנְג פוּן קֶענִיג," הָאט דֶער גָאלְדְשְׁמִיד גֶעעֶנְטְפֶערְט, "אָבֶּער אִיךְ בֶּעט פוּנְ'ם קֶענִיג אַ יָאר צַייט דָאס אַהֶערצוּשְׁטֶעלְן." וֶוען דֶער קֶענִיג הָאט צוּגֶעשְׁטִימְט צוּ זַיין בַּקָשָׁה, הָאט דֶער גָאלְדְשְׁמִיד גֶעזָאגְט, "אִיךְ בֶּעט אוֹיךְ מֶען זָאל מִיר גֶעבְּן אֵיין קִילָאגְרַאם רֵיין גָאלְד, אוּן אַ גַאנְצֶער הוֹיפְן דִימַאנְטְן אוּן פֶּערְל צוּ פַאבְּרִיצִירְן דֶעם בֶּעכֶער. אוּן אַלְס בַּאצָאלְט, זָאל מֶען מִיר גֶעבְּן פוּן דֶער קֶענִיגלִיכֶער קַאסֶע הוּנְדֶערְט גָאלְדֶענֶע רֶענְדְלֶעךְ יֶעדְן חוֹדֶשׁ, כְּדֵי אִיךְ זָאל הָאבְּן מִיט וָואס זִיךְ צוּ שְׁפַּייזְן אוֹיף דֶערְוַוייל, בִּיז אִיךְ וֶועל בַּאצָאלְט וֶוערְן בַּיים עֶנְדִיגְן דֶעם בֶּעכֶער."

דֶער קֶענִיג הָאט בַּאשְׁטֶעטִיגְט זַיין גֶעבֶּעט, אוּן מֶען הָאט אִים דֶערְלַאנְגְט וָואס עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן: גָאלְד, הֶערְלִיכֶע שְׁטֵיינֶער, אוּן אַ חוֹדֶשׁ'לִיכְן גֶעהַאלְט.

דֶער גָאלְדְשְׁמִיד הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען צוּם שְׁוֶוערְן אַרְבֶּעט, אָבֶּער עֶר הָאט נִישְׁט גֶעאַרְבֶּעט דֶערוֹיף צוּ לַאנְג. עֶר אִיז פַארְבְּלֶענְדֶעט גֶעוָוארְן פוּנְ'ם גֶעלְט וָואס עֶר הָאט עֶרהַאלְטְן פוּן פַּאלַאץ יֶעדְן חוֹדֶשׁ, אוּן הָאט דָאס גֶענוּצְט אַיינְצוּקוֹיפְן טַייעֶרֶע זַאכְן, גֵיין הוּלְיֶען אוּן מַאכְן אַ לֶעבְּן. וֶוען דָאס גֶעלְט אִיז אִים אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען, הָאט דֶער גָאלְדְשְׁמִיד פַארְקוֹיפְט אַ טֵייל פוּנְ'ם גָאלְד וָואס אִיז בַּאשְׁטִימְט גֶעוֶוען פַארְ'ן קֶענִיגְ'ס בֶּעכֶער. וֶוען דָאס גֶעלְט אִיז אִים אוֹיךְ אוֹיסְגֶערִינֶען, אוּן דֶער גָאלְדְשְׁמִיד הָאט וַוייטֶער גֶעוָואלְט פַארְבְּרֶענְגֶען זַיינֶע טֶעג, הָאט עֶר פַארְקוֹיפְט פוּן דִי טַייעֶרֶע שְׁטֵיינֶער, אוּן מִיט דִי גֶעלְט וָואס עֶר הָאט גֶעמַאכְט דֶערְפוּן הָאט עֶר וַוייטֶער אַיינְגֶעקוֹיפְט אוּן גֶעהוּלְיֶעט.

פוּן צַייט צוּ צַייט הָאט עֶר זִיךְ דֶערְמַאנְט אִינְ'ם בֶּעכֶער, אוּן עֶר הָאט אַרָאפְּגֶענוּמֶען עֶטְלִיכֶע שָׁעוֹת דָאס צוּ בַּאאַרְבֶּעטְן. זַיין קָאפּ אִיז אָבֶּער נִישְׁט גֶעלֶעגְן אִין דֶער אַרְבֶּעט, אוּן עֶר הָאט גֶעגְלִיסְט וַוייטֶער צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען.

חֲדָשִׁים זֶענֶען אַרִיבֶּערגֶעלָאפְן, אוּן אַ שְׁלִיחַ פוּן קֶענִיג שְׁטֵייט בַּיים טִיר פוּן זַיין הוֹיז. "אִיךְ ווִיל דִיר דֶערְמַאנֶען אַז אִין אַ חוֹדֶשׁ אַרוּם דַארְפְסְטוּ זִיךְ שְׁטֶעלְן מִיטְ'ן בֶּעכֶער פַארְ'ן קֶענִיג," הָאט עֶר אִים גֶעמָאלְדְן.

אַ שְׁרֶעק הָאט אִים אַרוּמְגֶענוּמֶען. דֶער גָאלְדְשְׁמִיד הָאט אָנְגֶעקוּקְט דֶעם בֶּעכֶער, אוּן זִיךְ גֶעשֶׁעמְט פוּן זִיךְ אַלֵיין. וָואס אִיז גֶעבְּלִיבְּן פוּן דֶער גַאנְצֶער קִילָאגְרַאם גָאלְד?! וואוּ זֶענֶען זֵיי – דִי הֶערְלִיכֶע שְׁטֵיינֶער?! וָואס וֶועט עֶר בְּרֶענְגֶען פַארְ'ן קֶענִיג אַנְשְׁטָאט דִי אַלֶע זַאכְן – אַ נֶעבֶּעכְדִיגְן בֶּעכֶערְל?!

דֶער גָאלְדְשְׁמִיד הָאט זִיךְ אָבֶּער נִישְׁט פַארְלוֹירְן, אוּן הָאט גֶעזָאגְט צוּ זִיךְ, "אִיךְ הָאבּ נָאךְ דְרַייסִיג טָאג. אֱמֶת טַאקֶע, אַ גְרוֹיסֶער טֵייל פוּנְ'ם גָאלְד אִיז מֶער נִישְׁטָא, אוּן אִיךְ הָאבּ פַארְקוֹיפְט פִיל פוּן דִי דִימַאנְטְן. אִיךְ הָאבּ אָבֶּער דָא דֶעם קְלֵיינֶעם בֶּעכֶערְל, אוּן דִי בִּיסְל דִימַאנְטְן וָואס זֶענֶען מִיר אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבְּן. פוּן יֶעצְט אוּן וַוייטֶער וֶועל אִיךְ אָנְהוֹיבְּן פְלַייסִיג אַרְבֶּעטְן דֶערוֹיף, אוּן לָאמִיר הָאפְן אַז אִיךְ וֶועל זֶען פְרוּכְט פוּן מַיין אַרְבֶּעט."

דֶער גָאלְדְשְׁמִיד הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן ווִידְמֶען זַיינֶע טֶעג אוּן נֶעכְט נָאר פַאר דֶעם בֶּעכֶער. עֶר הָאט עֶס אוֹיסגֶעפָארְעמְט, אוֹיסְגֶעקְרִיצְט אִינְ'ם גָאלְד הֶערְלִיכֶע מוּסְטֶערְן פוּן בְּלוּמֶען אוּן בְּלֶעטֶער, אוּן הָאט אַרֵיינְגֶעזֶעצְט דִימַאנְט שְׁטֵיינְדְלֶעךְ אִין דֶעם. זַיין גַאנְצֶער קָאפּ, כִּשְׁרוֹנוֹת, אוּן צַייט הָאט עֶר אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין דֶעם בֶּעכֶער, בִּיז עֶס אִיז פַארְוַואנְדְלְט גֶעוָוארְן אִין אַ מֵייסְטֶערוֶוערְק.

דֶער בַּאשְׁטִימְטֶער טָאג אִיז אָנְגֶעקוּמֶען, אוּן דֶער גָאלְדְשְׁמִיד הָאט זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט פַארְ'ן קֶענִיג אִינְאֵיינֶעם מִיט זַיין בֶּעכֶער. סְ'אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען קְלֵיין, אָבֶּער קוּנְסְטְלִיךְ בַּאצִירְט. דִי גָאלְד אוּן דִימַאנְטְן הָאבְּן גֶעגְלַאנְצְט אוּן גֶעשְׁפִּיגְלְט פוּן אַלֶע זַייטְן. עֶר הָאט עֶס פָארְגֶעשְׁטֶעלְט פַארְ'ן קֶענִיג, אוּן אַלֶע הָאבְּן עֶס בַּאטְרַאכְט מִיט בַּאגַייסְטֶערוּנְג, זָאגְנְדִיג, "דָאס אִיז דֶער שֶׁענְסְטֶער בֶּעכֶער אִין דֶער וֶועלְט!"

דֶער קֶענִיג הָאט גֶעהֵייסְן זַיינֶע בַּאדִינֶער אָפּוֶועגְן אוּן אוּנְטֶערזוּכְן דֶעם בֶּעכֶער, אוּן מֶען הָאט בַּאלְד בַּאמֶערְקְט אַז עֶס פֶעלְן פוּן דִי דִימַאנְטְן אוּן גָאלְד. דֶער קֶענִיג הָאט אָבֶּער בַּאלְד מוֹחֵל גֶעוֶוען דֶעם גָאלְדְשְׁמִיד דֶערוֹיף, וַוייל עֶר הָאט אַזוֹי הַנָאָה גֶעהַאט פוּן דֶעם מֵייסְטֶערהַאפְטִיגְן בֶּעכֶער.

"דֶעם קוּמֶענְדִיגְן יָאר," הָאט דֶער קֶענִיג אִים גֶעמָאלְדְן, "זָאלְסְטוּ אוֹיספָארְעמֶען פַאר מִיר אַ נַייעֶם בֶּעכֶער. אִיךְ וֶועל דִיר ווִידֶער צוּשְׁטֶעלְן גָאלְד, דִימַאנְטְן, אוּן אַ חוֹדֶשׁ'לִיכֶער גֶעהַאלְט, אָבֶּער זֶע אַז סוֹף יָאר זָאלְסְטוּ מִיר קֶענֶען פָארשְׁטֶעלְן אַ גְרוֹיסְן, הֶערְלִיכְן בֶּעכֶער, ווִי עֶס פַּאסְט פַאר אַ קֶענִיג."

בְּמֶשֶׁךְ דֶעם יָאר הָאט דֶער אִיד אָפְּט פַארְגֶעסְן זַיין תַּפְקִיד אוֹיף דֶער וֶועלְט. עֶר הָאט פַארשְׁוֶוענְדֶעט דִי מַתָּנוֹת וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעגֶעבְּן אוֹיסְצוּנוּצְן אוֹיף מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים, אוּן הָאט פַארְבְּרֶענְגְט אַ גְרוֹיסְן חֵלֶק פוּן זַיין טַייעֶרֶע צַייט אוֹיף נַארִישְׁקֵייטְן.

יֶעצְט הָאט עֶר אָבֶּער אַ גֶעלֶעגְנְהֵייט. אַ גַאנְצְן חוֹדֶשׁ קֶען עֶר אִינוֶועסְטִירְן, זִיךְ פְּלָאגְן, אוּן פַארמֶערְן מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים. דַאן, וֶוען עֶס וֶועט אָנְקוּמֶען רֹאשׁ הַשָׁנָה, וֶועט עֶר דֶערלַאנְגֶען פַארְ'ן אוֹיבֶּערְשְׁטְן דֶעם "חוֹדֶשׁ אֱלוּל", אוּן הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא וֶועט שֶׁעפְּן דֶערְפוּן אַזוֹיפִיל נַחַת, אַז עֶר וֶועט אִים מוֹחֵל זַיין אוֹיף דִי טֶעג אִין יָאר וָואס עֶר הָאט נִישְׁט אוֹיסְגֶענוּצְט צוּם גוּטְן.

דֶערְפַאר זָאל דֶער מֶענְטְשׁ, פַאר זַיין אֵייגֶענֶער טוֹבָה, זִיךְ פַארְנֶעמֶען וֶוען עֶס קוּמְט חוֹדֶשׁ אֱלוּל אַז פוּן הַיינְט אוּן וַוייטֶער וֶועט עֶר שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען צוּ טוּן דֶעם רְצוֹן הַשֵׁם, אוּן דֶעם קוּמֶענְדִיגְן יָאר רֹאשׁ הַשָׁנָה וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשַׁאפְן פַארְ'ן רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אַ פִיל גְרֶעסֶערְן נַחַת רוּחַ.

אִין אַ טָאג אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל, הָאט דֶער גוּסְטִינֶער רֶבִּי זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אִין וֶועג צוּ זַיין הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, רֶבִּי בּוּנָם פוּן פְּרְשִׁיסְחָא, וואוּ עֶר וֶועט וֵוילְן אוֹיף דִי יָמִים נוֹרָאִים.

פַארְבֵּייגֵייעֶנְדִיג דֶערְפְלֶעךְ אוּן פֶעלְדֶער, בַּאטְרַאכְט דֶער גוּסְטִינֶער רֶבִּי ווִי דִי דָארְפסְלַייט אַרְבֶּעטְן בִּיטֶער שְׁוֶוער אוֹיפְצוּאַקֶערְן זֵייעֶר עֶרְד, כְּדֵי זֵיי זָאלְן קֶענֶען אַיינְזַייעֶן דִי קֶערֶעלֶעךְ אוֹיפְ'ן ווִינְטֶער.

אָט הֶערְט עֶר ווִי אַ פּוֹיעֶר זָאגְט פַאר זַיין זוּן, "אַרְבֶּעט פְלַייסִיג, קִינְד מַיינְס! זֵיי יֶעצְט נִישְׁט פוֹיל! וֶוער עֶס אַרְבֶּעט אִין דֶעם חוֹדֶשׁ, וֶועט הָאבְּן וָואס צוּ עֶסְן אַ גַאנְצְן יָאר!"

דִי וֶוערְטֶער זֶענֶען אַרַיינְגֶעדְרִינְגֶען אִינְ'ם רֶבִּי'נְס הֵיילִיגֶער נְשָׁמָה.

"וֶוער עֶס אַרְבֶּעט אִין דֶעם חוֹדֶשׁ," פְלֶעגְט עֶר נָאכְזָאגְן דֶעם פּוֹיעֶר'ס וֶוערְטֶער יָארְן שְׁפֶּעטֶער, "וֶוער עֶס טוּט תְּשׁוּבָה אִין דֶעם חוֹדֶשׁ אֱלוּל אוּן פַארמֶערְט מִצְוֹת אוּן

# סְלִיחוֹת

## בְּמוֹצָאֵי מְנוּחָה קִדַּמְנוּךָ תְּחִלָּה

**נָאך** הַאלְבֶּע נַאכְט, וֶוען דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זִיצְט אוֹיפְ'ן שְׁטוּל פוּן רַחֲמָנוּת, פַארְזַאמְלֶען זִיךְ כְּלַל יִשְׂרָאֵל אִין שׁוּל צוּ זָאגְן סְלִיחוֹת. אִין אַשְׁכְּנַזִי'שֶׁע קְהִילוֹת הֵייבְּט מֶען אָן זָאגְן "סְלִיחוֹת" פוּן זוּנְטָאג פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אָדֶער אַ זוּנְטָאג פְּרִיעֶר - אוֹיבּ עֶס זֶענֶען נִישְׁטָא כָאטְשׁ פִיר טֶעג בִּיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה. בַּיי דִי סְפָרַדִים הֵייבְּט מֶען אָן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל.



וֶוען מִיר זָאגְן "סְלִיחוֹת" בֶּעטְן מִיר מְחִילָה פוּנְ'ם רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם. וְויאַזוֹי בֶּעט מֶען יֶענֶער זָאל מוֹחֵל זַיין? מִיט אַרָאפְּגֶעלָאזְטֶע אוֹיגְן, מִיט אַן אוּנְטֶערטֶעניגְט, בֶּעטְנְדִיג הָארְץ, אֲפִילוּ מִיט טְרֶערְן. אוֹיבּ מֶען בֶּעט מְחִילָה אָן דֶעם וָואס מֶען הָאט חֲרָטָה אוֹיף דִי מַעֲשִׂים, נָאר מִיט טְרוּקֶענֶע וֶוערְטֶער, אִיז עֶס אַ גֶעלֶעכְטֶער. דַאן זֶעט מֶען אוֹיס וִוי מֵאִיר דֶער מְשָׁרֵת.

דֶער רֶענְצְל אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען גֶעפַּאקְט, דֶער פֶערְד אוּן וָואגְן שְׁטַייעֶן גְרֵייט נֶעבְּן הוֹיז. ר' יוֹסְל דֶער גְבִיר אִיז גֶעשְׁטַאנֶען בַּיים טִיר, אוּן צוּגֶערוּפְן זַיין מְשָׁרֵת. "אִיך לָאז זִיך אַרוֹיס אִין וֶועג, מֵאִיר," הָאט ר' יוֹסֵף אִים גֶעזָאגְט, "אִיך דַארְף אַוֶועקפָארְן צוּלִיבּ מַיינֶע פַארְצְוַויגְטֶע גֶעשֶׁעפְטְן. אֵיידֶער אִיך פָאר אַרוֹיס, וִויל אִיך דִיר עֶפֶּעס בֶּעטְן."

"זִיכֶער, מַיין הַאר," עֶנְטְפֶערְט מֵאִיר דֶער מְשָׁרֵת.

"דָא הָאסְטוּ דִי אָנְוַוייזוּנְגֶען," הָאט ר' יוֹסְל גֶעזָאגְט, דֶערלַאנְגֶענְדִיג אַ צֶעטְל אִינְ'ם הַאנְט פוּן זַיין מְשָׁרֵת. "דֶעם צֶעטְל דַארְפְּסְטוּ דוּרְכְלֵיינֶען יֶעדְן טָאג. דָא שְׁטֵייט פּוּנְקְטְלִיך וָואס דוּ דַארְפְּסְט טוּן, וְויאַזוֹי דוּ זָאלְסְט פִירְן דִי גֶעשֶׁעפְטְן, וֶוען צוּ עֶפֶענֶען אוּן וֶוען צוּ פַארְשְׁלִיסְן, וְויאַזוֹי אוֹיפְצוּנֶעמֶען דִי קְלִיֶיענְטְן, וָואס צוּ בַּאשְׁטֶעלְן, וֶועמֶען צוּ רוּפְן, וואו צוּ הַאלְטְן דִי פְּרָאדוּקְטְן, אוּן וְויאַזוֹי דָאס צוּ פַארְקוֹיפְן. אִיז גֶעדֶענְק, מֵאִיר: זָאלְסְט דוּרְכְלֵיינֶען דֶעם צֶעטְל יֶעדְן אֵיינְצִיגְן טָאג, אַזוֹי וֶועסְטוּ גָארְנִישְׁט פַארְגֶעסְן!"

"זִיכֶער!" הָאט זִיך מֵאִיר פַארְנוֹיגְט פַארְ'ן גְבִיר.

ר' יוֹסֵף גֶעזֶעגְנְט זִיך פוּן אִים, אוּן לָאזְט זִיך אַרוֹיס אִין וֶועג. מֵאִיר לֵייגְט אַוֶועק דֶעם צֶעטְל אִין אַ פַארזִיכֶערְטְן פְּלַאץ, כְּדֵי עֶר זָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן עֶס צוּ לֵיינֶען יֶעדְן אֵיינְצִיגְן טָאג.

אַ חוֹדֶשׁ צַייט אִיז אַרִיבֶּער, אוּן ר' יוֹסְל דֶער גְבִיר קוּמְט צוּ פָארְן אַהֵיים. עֶר שְׁטֶעלְט אָפּ זַיין וָואגְן פַאר זַיין גֶעשֶׁעפְט, אָבֶּער עֶס אִיז פַארְשְׁלָאסְן. עֶס שְׁמֶעקְט אַלְט אוּן פַארשִׁימְלְט. עֶר לוֹיפְט שְׁנֶעל רוּפְן זַיין מְשָׁרֵת, אוּן טְרֶעפְט אִים זִיצְן אוֹיף אַ בַּאקְוֶועמֶען פָאטֶעל מִיט אַ גֶעשְׁמַאקֶער אַייז קְרֶעים אִין הַאנְט.

"אָה, שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם!" זָאגְט מֵאִיר פַאר ר' יוֹסְל מִיט אַ שְׁטְרַאלֶנְדְן פָּנִים, "אִיך הָאבּ גֶעטוּן פּוּנְקְט וִוי דוּ הָאסְט מִיר גֶעהֵייסְן! אִיך הָאבּ זִיך מְחַיֶ' גֶעוֶוען אַ גַאנְצְן חוֹדֶשׁ: גֶעפָארְן אוֹיף אוֹיסְפְלוּגְן, גֶעגֶעסְן גֶעשְׁמַאקֶע מַאֲכָלִים, אוּן אוֹיסגֶעפּוּלְט קֶעסְטְל-רֶעטֶענִישְׁן. אִיך הָאבּ אָבֶער נִישְׁט פַארְגֶעסְן וָואס דוּ הָאסְט מִיר בַּאפוֹילְן. יֶעדְן טָאג, דִי עֶרְשְׁטֶע זַאך צוּפְרִי, הָאבּ אִיך דוּרְכגֶעלֵיינְט דִי אָנְוַוייזוּנְגֶען וָואס דוּ הָאסְט מִיר גֶעגֶעבְּן..."

סְלִיחוֹת אִיז וִוי אַ צֶעטְל מִיט אָנְוַוייזוּנְגֶען, זָאגְט דֶער חָפֶץ חַיִּים. בַּיי סְלִיחוֹת זָאגְן מִיר וְויאַזוֹי מֶען דַארְף בֶּעטְן מְחִילָה – וִוי אָרִימֶע אוּן צוּבְּרָאכֶענֶע מֶענְטְשְׁן, וְויאַזוֹי זִיך אוּמְצוּקֶערְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, וְויאַזוֹי צוּ שְׁפִּירְן אַן אֶמֶת'ע חֲרָטָה אוֹיף דִי עֲבֵירוֹת, אוּן נָאך אָנְוַוייזוּנְגֶען צוּצוּקוּמֶען צוּ אַ רִיכְטִיגֶע תְּשׁוּבָה.

דֶער וָואס "לֵיינְט" סְלִיחוֹת וִוי עֶס וָואלְט גֶעוֶוען אַ פָּשׁוּטֶ'ע לִיסְטֶע פוּן וֶוערְטֶער, אוּן פִירְט זִיך וַוייטֶער וִוי בִּיז יֶעצְט, עֶר פַארְבְּרֶענְגְט דִי יְמֵי רַחֲמִים וְרָצוֹן מִיט נַארִישְׁקֵייטְן, אִיז פּוּנְקְט וִוי יֶענֶער מְשָׁרֵת, וָואס טוּט גָארְנִישְׁט נָאכְ'ן לֵיינֶען זַיין הַאר'ס בַּאפֶעלְן.

לָאמִיר דֶערִיבֶּער בֶּאֱמֶת חֲרָטָה הָאבְּן בַּיים זָאגְן סְלִיחוֹת, זִיך פַארְנֶעמֶען נִישְׁט צוּ טוּן עֲבֵירוֹת, אוּן זִיך אָנְשְׁטְרֶענְגֶען מְקַיֵים צוּ זַיין אַלֶעמָאל מִצְווֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים.

**"אִידְן, טַייעֶרֶע, הֵיילִיגֶע אִידְן! שְׁטֵייט אוֹיף צוּ סְלִיחוֹת!" הֶערְט מֶען דִי קְלָארֶע שְׁטִימֶע פוּנְ'ם שַׁמֶשׁ אִין דִי גַאסְן פוּן דֶער שְׁטָאט אַרַם-צוֹבָה.**

**עֶס אִיז אִינְמִיטְן נַאכְט. דִי אַיינְוואוֹינֶער פוּן שְׁטָאט זֶענֶען פַארְזוּנְקֶען אִין זֵייעֶר שְׁלָאף נָאך אַ שְׁוֶוערְן טָאג אַרְבֶּעט, אוּן דֶער שַׁמֶשׁ שְׁטֶערְט זֵיי. יֶעדֶע נַאכְט הֶערְט מֶען זַיין קוֹל הִינְטֶערְ'ן פֶענְסְטֶער פוּן דֶעם רָב'ס הוֹיז, דֶער גָאוֹן רֶבִּי מָרְדְכַי לֶעבְּטָאן.**

**אֲפִילוּ דֶער הֶערְשֶׁער פוּן שְׁטָאט הָאט שׁוֹין גֶעהֶערְט אִיבֶּער דִי מָאדְנֶע אוֹיסְרוּפְן. "וָואס אִיז דָאס?! וֶוער שְׁרַייט דָארְט אִינְמִיטְן נַאכְט?!" הָאט עֶר זִיך גֶעוואוּנְדֶערְט. וֶוען עֶר הָאט זִיך דֶערְוואוּסְט אַז דָאס אִיז דֶער אִידִישֶׁער שַׁמֶשׁ וָואס קוּמְט אוֹיפְוֶועקְן דֶעם רָב פוּן שְׁטָאט, הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן אַז מֶען זָאל אִים גֵיין מֶעלְדְן אַז עֶר מוּז שׁוֹין אוֹיפְהֶערְן דֶערְמִיט.**

**דֶער שַׁמֶשׁ הָאט אָבֶּער בַּאלְד גֶעעֶנְטְפֶערְט, "דָאס אִיז אַן אוּר-אַלְטֶער אִידִישֶׁער מִנְהָג. שׁוֹין יָארְן וָואס מִיר וֶועקְן אוֹיף דִי אִידְן צוּ סְלִיחוֹת, אוּן מִיר טָארְן נִישְׁט טוּישְׁן דֶעם מִנְהָג."**

**דֶער הֶערְשֶׁער הָאט זִיך זֵייעֶר גֶעבֵּייזֶערְט צוּ הֶערְן דֶעם עֶנְטְפֶער. עֶר הָאט בַּאפוֹילְן זַיינֶע פָּאלִיצְיַאנְטְן זִיך אַרוֹיסְצוּלָאזְן אִינְמִיטְן נַאכְט, אוּן אָפְּוַוארְטְן דֶעם רָב אוּן דֶעם שַׁמֶשׁ אִין אַ פִינְסְטֶערְן גֶעסְל וֶוען זֵיי גֵייעֶן צוּם שׁוּל. "וֶוען זֵיי וֶועלְן אַדוּרְכְגֵיין דֶעם גֶעסְל, זָאלְט אִיר זֵיי**



**אָנְשְׁלָאגְן מִיט מֶערְדֶערלִיכֶע קְלֶעפּ, בִּיז זֵיי וֶועלְן שְׁטַארְבְּן. אַזוֹי וֶועלְן מִיר פָּטוּר וֶוערְן פוּן זֵיי אֵיינְמָאל פַאר אַלֶעמָאל, אוּן זֵיי וֶועלְן מִיר מֶער נִישְׁט שְׁטֶערְן פוּן שְׁלָאף."**

**דִי קוּמֶענְדִיגֶע נַאכְט הָאבְּן דִי פָּאלִיצְיַאנְטְן גֶעלָאקֶערְט אוֹיפְ'ן רָב אוּן דֶעם שַׁמֶשׁ. זֵיי הָאבְּן גֶעהֶערְט דִי זִינְגֶעדִיגֶע שְׁטִימֶע, דֶער קוֹל פוּנְ'ם שַׁמֶשׁ וָואס וֶועקְט אוֹיף דֶעם רָב. אַ פָּאר מִינוּט שְׁפֶּעטֶער הָאבְּן זִיך גֶעהֶערְט דִי טְרִיט פוּנְ'ם רָב אִיבֶּער דִי טְרֶעפּ, אוּן דִי צְוֵויי זֶענֶען אַרוֹיס אוֹיפְ'ן וֶועג צוּם בֵּית הַמִדְרָשׁ. זֵיי הָאבְּן זִיך דֶערְנֶענְטֶערְט צוּם בַּאהֶעלְטֶענִישׁ אָרְט פוּן דִי פָּאלִיצְיַאנְטְן.**

**אָט, אָט קוּמֶען זֵיי אָן - - -**

**דִי פָּאלִיצְיַאנְטְן זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען גְרֵייט אִין צְוֵויי רֵייעֶס אוֹיף דִי צְוֵויי זַייטְן פוּן דֶער גַאס, אוּן הָאבְּן אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶרֶע שְׁוֶוערֶע שְׁטֶעקְנְס.**

**אֵיין מִינוּט. וָואס אִיז דָאס? זֵיי קֶענֶען נִישְׁט רִירְן זֵייעֶרֶע הֶענְט! זֵייעֶר גַאנְצֶער קֶערְפֶּער אִיז פְּלוּצְלִינְג גֶעוָוארְן פַּארַאלִיזִירְט!**

**דֶער רָב אוּן דֶער שַׁמֶשׁ הָאבְּן וַוייטֶער רוּאִיג שְׁפַּאצִירְט, בִּיז זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּם אָנְגֶעפוּלְטְן שׁוּל, אוּן הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן סְלִיחוֹת.**

**צוּפְרִי, וֶוען דִי אַיינְוואוֹינֶער פוּן אַרַם-צוֹבָה זֶענֶען אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען צוּם נַייעֶם טָאג, הָאבְּן זֵיי מִיט שְׁרֶעק בַּאטְרַאכְט דִי צְוֵויי רֵייעֶס פָּאלִיצְיַאנְטְן, וֶועלְכֶע זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען וִוי סְטַאטוּעֶס מִיט שְׁטֶעקְנְס אִין דִי הֶענְט...**

**וֶוען דֶער הֶערְשֶׁער הָאט גֶעהֶערְט וָואס עֶס הָאט פַּאסִירְט, הָאט עֶר זִיך גֶעאַיילְט צוּ בֶּעטְן מְחִילָה פוּנְ'ם רָב. "הֵיילִיגֶער רַאבִּינֶער, זַייט מִתְפַּלֵל אַז מַיינֶע פָּאלִיצְיַאנְטְן זָאלְן אוֹיסְגֶעהֵיילְט וֶוערְן!" הָאט עֶר זִיך גֶעבֶּעטְן. "אִיך וֶועל מֶער נִישְׁט אָפְּהַאלְטְן דֶעם שַׁמֶשׁ פוּן אַייך אוֹיפְוֶועקְן צוּ סְלִיחוֹת, אוּן אִיך וֶועל זִיך נִישְׁט אַרַיינְמִישְׁן אִין אַייעֶרֶע הֵיילִיגֶע מִנְהָגִים."**

## שָׁנָה טוֹבָה קַארטְלֶעך

**אָנְגֶעהוֹיבְּן** פוּן חוֹדֶשׁ אֶלוּל, וֶוען אֵיינֶער שְׁרַייבְּט אַ בְּרִיוו פַארְ'ן צְוֵוייטְן, דַארְף עֶר אִים וִוינְטְשְׁן אִינְ'ם בְּרִיוו עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ אַ גוּט יָאר.

**מֶען** קֶען טְרֶעפְן אַ רֶמֶז דֶערוֹיף אִינְ'ם פָּסוּק: "וַיִשְׁאֲלוּ אִישׁ לְרֵעֵהוּ לְשָׁלוֹם" – אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעפְרֶעגְט אֵיינֶער אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְנְ'ס שָׁלוֹם, וֶועלְכֶע אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת: אֶלוּל.

**הַיינְט** פִירְט מֶען זִיך אַז פוּן חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב שְׁרַייבְּט מֶען אִין אַ בְּרִיוו "אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה".

אִינְ'ם חוֹדֶשׁ אֶלוּל, וֶוען דֶער נַייעֶר יָאר שְׁפִּירְט זִיך שׁוֹין אִין דֶער לוּפְט, בֶּענְטְשְׁט מֶען אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן מִיט דִי בְּרָכָה, "אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר". מֶען זֶעט אִין פִיל בְּרִיוו פוּן גְדוֹלֵי יִשְׂרָאֵל וִוי זֵיי וִוינְטְשְׁן זִיך אַ גוּט יָאר, אוּן שְׁרַייבְּן אוּנְטֶער אַ "כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה".

אוֹיך בַּיי אַיינְלַאדוּנְגֶען אוֹיף חַתוּנוֹת וֶועלְכֶע קוּמֶען פָאר אִינְ'ם חוֹדֶשׁ אֶלוּל, (בַּיי טֵייל פוּן חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב) וִוינְטְשְׁט מֶען דִי גֶעלַאדְנְטֶע אַ "כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה". אִין סֵפֶר "שַׁעַר יִשָּׂשכָר" שְׁטֵייט אַז "חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב" אִיז בְּגִימַטְרִיָא "כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה" (928).



